Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 246 | Łódź, Poniedziałek, 24 października 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ״ד תשרי תרצ״ג | № 246

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# 190 מיליאָן זלאָטעס דעפיציט

## אין דעם ערשטען האַלבען יאָהר 1932-33

וו א ר ש א, 23 (טעלעפאָניש)

לויט די סטאַטיסטישע רשימות האָבען די הכנסות אין משך פון חודש סעפטעמבער בעטראָפען 154,2 מיליאָן זלאָטעס און די הוצאות — 173,5 מיליאָן זלאָטעס.

דער דעפיציט אין פערלויף פון די ערשטע 6 חדשים ה. י. דערגרייכט די סומע פון 190,8 מיליאָן זלאָטעס, און בעשטייט פון די פאָלגענדע פאָזיציעס:

אפריל — 34,000,000; מאי — 15,000,000; יוני — 39,000,000; יולי — 37,000,000; אויגוסט — 38,000,000 און סעפטעמבער — 28,000,000.

אויפן יסוד פון די דאָזיגע ציפערן קאָן מען אורטיילען, אז אויב די אויסגאבען וועלען נישט בעגרעניצט ווערען, און די הכנסות — נישט פערגרעסערט ווערען, וועט דער [illegible] פאר'ן גאַנצען יאָהר בעטרעפען 381,600,000 זלאָטעס.

וו א ר ש א, 23 (טעלעפאָניש)

אין די פּאָליטישע קרייזען רעדט מען איצט דער עיקר וועגען דער נאָהענטער סיים-סעסיע, צו וועלכע די רעגירונג דארף צושטעלען דעם בודזשעט.

דער בודזשעט דרוקט זיך איצט אין דער מלוכה'שער דרוקעריי, און קיינער ווייסט נאָך נישט גענוי זיין אינהאַלט.

מען ווייסט נאָר צודערציילען פון דער הוצאה, וואָס זאָל זיין גרעסער פון דער הכנסה.

# היינט ווערט דערוואַרט

## דאס צוריקקעהרען פון דעם לופטפליהער, קאַפּיטאַן קאַרפּינסקי

וו אַ ר ש אָ, 23. (טעלעפאָניש).

היינט פריה פליהט אַרויס פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דער לופט-פליהער קאַפּיטאַן קאַרפּינסקי.

מען ריכט זיך, אַז מאָרגען צווישען 3 און 4 בייטאָג וועט ער אָנקומען קיין וואַרשאָ.

ל ו ב ל י ן, 23. (טעלעפאָניש).

4 פאַרנאַכט איז דאָ אָנגעקומען דער קאַפּיטאַן קאַרפּינסקי, וועלכער פליהט מאָרגען אַרויס קיין וואַרשאָ.

# 3.000.000 פאַלשע דאָלאַרן

ל אָ נ ד אָ ן, 23. (טעלעפאָניש).

אין ניו-יאָרק האָט מען ענטדעקט אַ באַנדע געלד-פעלשער וועלכע האָבען נאָכגעמאַכט 1000-דאָלאַרדיגע באַנקנאָטען.

די פעלשער האָבען בעוויזען אַרויסצולאָזען אין פערקעהר באַנקנאָטען אויף אַ סומע פון 3 מיליאָן דאָלאַר.

## בלוטיגער צוזאַמענשטויס

### צווישען היטלעריסטען און קאָמוניסטען

ב ע ר ל י ן, 23. (ספ. טעל.)

אין דער שטאָט קאַסטראָפּ-ראַנגסען וועסטפאַליען, איז אויסגעבראָכען אַ בלוטיג געשלעג צווישען קאָמוניסטען און היטלעריסטען.

עס איז דערהרגעט געוואָרען איין היטלעריסט.

עס זענען דאָ פערוואונדעטע פון ביידע צדדים.

## אמעריקאנער סענאטאר באראה

### וועגען דער וואפען-גלייכבערעכטיגונג פאר דייטשלאנד

ב ע ר ל י ן, 23. (ספ. טעל.)

דער אַמעריקאַנער סענאַטאָר באָראַה האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל אין דער „קעלנישער צייטונג" אין וועלכען ער זאָגט צו אַז אין אינטערעס פון אַמעריקאַ איז עס, אַז דייטשלאַנד זאָל גלייכבערעכטיגט ווערען אין דעם ענין בעוואָפענונג.

אויב דייטשלאַנד זאָל די גלייכבערעכטיגונג נישט באַקומען, און ס'וועט געשעהען אַ קאַטאַסטראָפע, וועט עס זיין די שולד פון די פעראייניגטע קאָאַליציע-מלוכות.

Dnia 21 października 1932 roku zmarł nieoczekiwanie

**ś. p.**

# HERMAN EDWARD WERNER

**Członek Zarządu i Dyrektor Kolei Elektrycznej Łódzkiej, Sp. Akc.**

Pełni uznania dla Jego twórczej i nieustannej pracy skierowanej ku dobru i wysokiemu rozwojowi naszej Instytucji, składamy hołd Jego niespożytym zasługom

**Rada Nadzorcza i Zarząd**
**Kolei Elektrycznej Łódzkiej**
**Spółki Akcyjnej.**

